# דר. שמואל סאָלאָווייטשיק טויט צו 57 יאָר; לוויה היינט פריה

לעצטען פרייטאג־צו־נאַכט איז נאָך אַ קורצער קראַנקהייט נפטר געוואָרען אין מאָנטעפיאָרע האָספיטאַל דר. שמואל סאָלאָווייטשיק, פּראָפעסאָר פון כעמיע אין ישיבה־אוניווערזיטעט. ער איז אַלט געווען 57 יאָר.

די לוויה קומט פאָר היינט, מאָנטאַג, 11 פאַרמיטאָג, פון ישיבת רבנו יצחק אלחנן, אַמסטערדאַם עוו. און 186טע סט., ניו יאָרק.

דר. שמואל סאָלאָווייטשיק, ווי אַ זוהן פון דער באַרימטער רבנ׳ישער סאָלאָווייטשיק־משפחה, איז געווען אַ פּראָמינענטער געלערנטער און וויסענשאַפטסמאַן, ווי אויך אַ גרויסער תלמיד־חכם, וואָס האָט געווידמעט זיין קורץ, אָבער פרוכטבאַר לעבען צו תורה, חסד און צדקה.

ר׳ שמואל סאָלאָווייטשיק איז געבוירען געוואָרען אין ראַסיין, ליטע וואו זיין גרויסער פאָטער, דער גאון ר׳ משה סאָלאָווייטשיק, איז געווען רב פון שטאָט און האָט דאָרט גלייכצייטיג אָנגעפירט מיט אַ ישיבה. זיין מוטער, הרבנית פּעפּעשע סאָלאָווייטשיק, וועלכע איז נפטר געוואָרען מיט אַ חודש צוריק אין ניו יאָרק, איז געווען אַ טאָכטער פון דעם באַרימטען פּרוזשינער

(שלוס אויף זייט 7, קאָלום 4)

פאָרווערטס – פעברואַר 27, 1967

# דר. סאָלאָווייטשיק טויט צו 57 יאָר

(שלוס פון ערשטער זייט)

רב, דעם גאון ר׳ אליהו פיינשטיין. ער איז געווען דער מיטעלסטער פון די דריי גרויסע זיהן פון הגאון ר׳ משה סאָלאָווייטשיק. דער עלטערער ברודער איז דער באַוואוסטער גאון און ראש ישיבה, ר׳ יוסף דוב הלוי סאָלאָווייטשיק, און דער איינגערער ברודער איז הגאון ר׳ אהרן הלוי סאָלאָווייטשיק, דער ראש הישיבה פון בית־מדרש לתורה אין שיקאַגאָ.

דער פאַרשטאָרבענער דר. שמואל סאָלאָווייטשיק האָט שטודירט כעמישע וויסענשאַפטען אין בריסעלער אוניווערזיטעט אין בעלגיע, וואו ער האָט אויך באַקומען זיין דאָקטאָראַט. אַלס גרויסער כעמיקער האָט ער זיך אויך באַטייליגט מיט וויכטיגע פאָרשונגס־אַרבעטען אין די באַרימטסטע וויסענשאַפטליכע זשורנאַלען פון דער גאַנצער וועלט און איז אויך פיל מאָל איינגעלאַדען געוואָרען צו האַלטען פאָרטראָגען ביי פאַרזאַמלונגען פון געלערענטע און וועלט־אַקאַדעמיעס. אין דער צייט פון דער לעצטער וועלט־מלחמה האָט ער געהאַלטען אַ וויכטיגען רעגירונגס־אַמט אין דעפענס־דעפּאַרטמענט אין וואַשינגטאָן, וואו ער האָט זיך שטאַרק אויסגעצייכענט.

הרב דר. שמואל בעלקין, פּרעזידענט פון ישיבה־אוניווערזיטעט, האָט נעכטען אויסגעדריקט גרויסער צער און טרויער אויף דעם פּריצייטיגען טויט פון דעם גרויסען תלמיד חכם און געלערענטען. ער האָט באַזונדערס אויסגעדריקט גרויס מיטגעפיהל צו דער רבנ׳ישער סאָלאָווייטשיק משפחה, וועלכע איז נאָך איינגעהילט אין טרויער אויפ׳ן פאַרלוסט פון דער מוטער.

אויסער די צוויי אויבענדערמאָנטע ברידער רבנים האָט דער נפטר אויך איבערגעלאָזט צוויי שוועסטער, מרס. שולמית מייזעלמאַן און מרס. חנה גערבער,ביידע פון באָסטאָן.